YP Δ (13)
Jan

חודששריפט
פאר
ליטעראטור
קריטיק
און
סאציאלע
פראבלעמען

טאפלטער נומער, 28 זייטן

פרייז 500 פר.
(אויסלאנד: 35 סענט)

# די יידיש

תל־אביב 17 יאנואר 1958
כ״ה טבת — תשי״ח
נומער 8—9 (19—20)
(בטע יאר)
רעדאקטאר
משה גראסמאן
קארעספאנדענץ־אדרעס:
ת. ד. 345, רמת־גן



עס שטייען (פון רעכטס צו לינקס): שמואל יאנאווסקי און בן־ציון כילינאוויטש. עס זיצן אין דער מיטלסטער ריי: הלל צייטלין, דוד דרוק, י. ח. זאגאראדסקי, צבי פרילוצקי, ב. יאושזאן און מרדכי ספעקטאר. אין דער פאדערשטער ריי זיצן: יוסף טונקל (דער טונקעלער) און א. אלמי (א. ח. שעפס).

אהרן צייטלין
ניו־יארק — תל־אביב

## ליד צום פאעט

ניִשט געטרוי, ניִשט געטרוי,
דער פאעזיע, פאעט!
זי איז פרוי, אייביק פרוי,
און פארראט איז איר גלעט.

ערשט פון שלאף אז זי רעדט
כאפט צומאל זיך ארויס
איר געהיימסטער סעקרעט,
טיפסטער אמת דער פרויס.

אויף דער וואר, אויף דער וואך
איז איר אמת אן וואג.
ליגן זאגט דיר איר שפראך:
ס׳ליגן פרויען בייטאג.

אירע רייד ניִשט געטרוי,
זי איז דיין און ניִשט דיין.
ווילסט זי האבן, די פרוי, —
גיי און שלעפער זי איין!



אהרן צייטלין

העברעאיש־יידישער דיכטער, פובליציסט, לעקטאר, (זון פון קדוש און גאון ר׳ הלל צייטלין הי״ד) — צו זיין קומען קיין ישראל.



### מיט 36 יאר צוריק

די דיכטער א. לעיעלעס, יעקב גלאטשטיין (לינקס) און דער פארשטארבענער אין 1926 ראובן לודוויג (רעכטס). „ביים פוס פון בארג״ הייסט דער לעצטער באנד דיכטונג פון פאעט, פובליציסט און עסייאיסט א. לעיעלעס — פרעמירט געווארן. בקרוב דערשיינען זיינע 2 בענד „וועלט אוןווארט״ — קריטיק. „פון מיין גאנצער מי״ הייסט דער גרויסער באנד לידער פון יעקב גלאטשטיין, אן אפקלייב פון אלע זיינע לידער, פרעמירט פון לאמעד־פאנד. לעצטנס איז אויך דערשינען גלאטשטיינס 2טער באנד „אין תוך גענומען״, קריטיק־עסייען, און „ובהגיע יאש״, אויף עברית, אין תל־אביב



### אין עברית־אולפן „באראכאוו״ אין גבעתיים

זשורנאליסטן, אדוואקאטן, אקטריסעס, דאקטוירים, אפיצירן, בוכאלטערן, — פון פוילן, אונגארן, רומעניע, ענגלאנד. ס׳רוב נייע עולים. אויך עטלעכע עלטערע עולים — האבן געענדיקט סוף־יאר דעם עברית־קורס. די דריטע פון רעכטס אין דער צווייטער ריי — די לערערין

לאה כוואיניק

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
JUN 23 1958

אפרים דווידזון / רמת גן

# עטלעכע ווערטער וועגן א. לוצקי ז"ל

דער עמיגראַציע־שטראָם ברענגט לוצקין אין יאָר 1914 קיין אַמעריקע, ווו ער מוז זיך די ערשטע צייט מפרנס זיין אַלס גאַסן־הענדלער.

אין יאָר 1921 דערשיינט זיין ערשטע לידער־זאַמלונג. מיט דער צייט איז ער זיך קונה־שם אַלס דער אָריגינעלסטער דיכטער אין דער ניי־יידישער ליטעראַטור מיט זיין טשעקאַווער פילפאַרביקייט" (אָדער „פילפאַרביקע טשעקאַוועדיקייט"); ער שרייבט לידער און ביכער מיט טשעקאַווע נעמען: „אומעטיק און פריילעך"; „נעמט עס, סע׳גוט פאַר איך!" (1927); „פּאָעטישע פילאָסאָפיע איבער ווערן און צעשטערן" (1932); „פּאָרטרעטן" (1945); „אַ בוך צום לעבן"; „אַ ניי בוך מיט נייעם תוך־געדאַנק, געזאַנג, מיט עפּעס נאָך" „באַגלייט מיט פרייד פון א. לוצקי". (1948)

און אָט די לידער האָט לוצקי געבראַכט פאַר זיינע לייענער נישט נאָר אין שריפט — אַלס „תורה שבכתב", נאָר אויך אַלס „תורה שבעל פה", וועלכע דער דיכטער אַליין בכבודו ובעצמו טייטשט זיי אויס און לייגט זיי ממש אין האַרצן אַריין מיט דער הילף פון זיין אייגנאַרטיקער דעקלאַמאַציע, אימפּראָוויזאַציע, שפּיל, הומאָר, מוזיק און טאַנץ און אפילו מגידישע „זאָגעכץ"... באַזונדערס האָבן אויסגענומען זיינע „לידער פון אַ טויטער וועלט", וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין „מדרש־לוצקי" איבער נאַטור און וועלט, טויט און לעבן.

---

(יוסף שפּרינצאַק — יוסף קלויזנער, המשך)

געווען, האָט קלויזנערס דאָזיקער מאמר „על הרעיון המשיחי בישראל" הויך דערהויבן די טעאָרעטיזירנדיקע ציוניסטישע יוגנט פון יענער צייט.

זינט דעמאָלט זענען שוין אַ היפּש ביסל יאָרן אַוועק. די טעמע וועגן רעיון פון משיחיות בישראל האָט שוין אַ גאַנצע ביבליאָטעק, אנאליזן, און קאָמענטאַרן, און קעגנער. און קלויזנערס יענער מאמר אין „השלוח" פון תרס"ז איז דערוויל אויסגעוואַקסן צו אַ ווערק אין 2 בענד, אָבער אין מיין האַרץ היט זיך נאָך אַלץ אָפּ די השפעה פון יענעם מאמר מיט 50 יאָר צוריק. און אָט דערצייל איך עס ערשט איצט מיט דאַנקבאַרקייט, פאַר דעם גרויסן צושטייער קלויזנערס, פאַר זיין באַרייכערן די געפילן און געדאַנקען פון דער ציוניסטישער יוגנט דעמאָלט.

יוסף קלויזנער איז פון תמיד אָן אַ מענטש פון שטרייטיקייטן אין ציוניזם. איך פאַרבאָרג נישט אַז איך בין ווייט נישט מסכים מיט אַ סך; און אַ סך פון זיינע אויספירענישן, וואָס עס זאָלן נישט זיין די חלוקי דעות, איז פאַראַן אין קלויזנערן עפּעס אַזעלכעס וואָס איבעראַשט און פאַרכאַפּט, רייסט־מיט. דאָס איז זיין מוטיקייט, געוואַגטקייט, וויטאַליטעט שטורמישקייט, דער פּאַטאָס און התלהבות, דער פלאַם פון „למען ציון לא אחשה". די דאָזיקע אייגנשאַפטן פאַרשאַפן אים אַזויפיל אָנהענגער און פאַרערער אויך צווישן זיינע קעגנער, וועלכע אַכטן אים ווי דעם ערן־בירגער פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. און מחמת דער דאָזיקער אַכטונג־באַציונג צו אים, קום איך אים היינט בענטשן און באַגריסן צו זיין ווערן אַן ערן־בירגער פון דער שטאָט ירושלים.

נישט מיטאַמאָל איז א. לוצקי אָנערקענט געוואָרן אַלס אָריגינעלסטער דיכטער. די קריטיקער האָבן זיך איינגעטיילט אין צוויי מחנות: ש. ניגער און מאָריס ראָזענפעלד האָבן אָנגענומען אַ כמעט־נעגאַטיווע שטעלונג (ניגער האָט באַטיטלט לוצקיס דיכטונג: „מעלאָפּראָזאַ"), אָבער אָנערקענט זיין אייגנאַרטיקייט און טשעקאַוועדיקייט. די צווייטע מחנה: מ. אָלגין, בעל מחשבות, ד"ר מוקדוני, י. י. סיגאַל, אהרן קאַרלין, האָבן זיך באַגייסטערט.

מיט 5 יאָר צוריק, בין איך געווען איינגעלאַדן אויף אַ באַזוך ביי אברהם רייזין ע"ה אין דער באַגלייטונג פון אהרן קאַרלין (רעדאַקטאָר פון „די פעדער"). מיט לוצקין האָב איך שוין געהאַט די זכיה צו באַקענען זיך און ביי־צוזיין אויף עטלעכע פון זיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן. איז געקומען צו רייד וועגן א. לוצקיס שאַפן. האָט רייזין זיך אויסגעדריקט בזה הלשון:

„ער איז אַ דיכטער און אַ קינסטלער מיט אַ רייכן טאַלאַנט, ער איז דער וואָלט וויטמאַן פון דער יידישער ליטעראַטור — „אויב נישט נאָך העכער"...

די באַוווסטע לוצקי־אימפּראָוויזאַציעס: „ביים רבינס טיש", „די קאַפּעליע", „אין אַ מוזיק־סטאָר", „געלט", „טעפּ", „די חתונה" זענען די בעסטע שלאַגערס אינעם רעפּערטואַר פון אונזערע רעציטאַציע־קינסטלער ווי יוסף בולאָוו, הערץ גראָסבאַרד. אין ישראל: יהודה ערנקראַנץ (ארן), אליהו גאָלדענבערג, י. איינשטיין, שמאי ראָזענבלום.

דער מדרש דערציילט אַז אין בית המקדש איז געווען אַזאַ מין מוזיקאַלישער אינסטרומענט וואָס האָט געהייסן „מגרפה" (מאַגריפאַ) וואָס פלעגט אַרויסגעבן טויזנט פאַרשידנאַרטיקע טענער. א. לוצקי — דער דיכטער, קינסטלער, אימפּראָוויזאַטאָר, רעציטאַטאָר, מוזיקער, ליריקער און הומאַניסט — האָט מיט זיך סימבאָליזירט די לעגענדאַרע מגרפה אינעם היכל פון יידישער דיכטונג, ווי ער אַליין האָט אויף זיך עדות געזאָגט אין זיין ליד „אַ פּאָלקע־מאַזורקע":

„אַ קאַפּעליע קאָנצערטן — דאָס בין איך אַליין!...

פּרץ מיראַנסקי / טאָראָנטאָ

## הויב דעם קאָפּ אויף

(פון דער קינסטלער־גרופּע „יונג־ווילנע")

הויב דעם קאָפּ אויף קראַנקער דיכטער
אין דיין פינצטערן געצעלט!
גאָט האָט אָנגעצונדן ליכטער
פאַר זיין אומעטיקער וועלט...

און אין נאַכט — זיין בלויען שאָטן, —
האָט ער, ווי אין שוואַרצן פעלד,
העלע שטערנדלעך צעשאָטן
פאַר זיין אומעטיקער וועלט...

ווער עס קאָן דעם קאָפּ פאַרהויבן
איבער חושך, וואָס פאַרשטעלט,
דער דערזעט די פלעמלעך אויבן
אויף דער אומעטיקער וועלט...

דער דערזעט אין נאַכט געדיכטער,
פינטלעך גאָלדענע צעהעלט.
גאָט האָט אָנגעצונדן ליכטער
פאַר זיין אומעטיקער וועלט!...